Tylko powszechna subskrypcja Pożyczki Inwestycyjnej pozwoli nam przebudować Polskę

Oplata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 35 גראשן

היינט 26 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 92 | Łódź, Środa, 17 kwietnia 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, י״ד ניסן תרצ״ה | № 92

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# איינִיגקייט פוּן די מלוּכוֹת
# בּנוֹגע דער בּעציהוּנג צוּ דייטשלאנד

זשענעווע, 16 (ספּ. טעל.)

אויף דער זיצונג פוּנ׳ם ראַט פוּן דער פעלקער־ליגע האָט גענומען אַ וואָרט דער ענגלישער דע־לעגאַט סיר סיימאָן, וועלכער האָט ערקלערט, אַז ער שטעהט צוּ צוּ פראַנקרייך און איטאַליען אין דער פראַגע פוּן פּראָיעקט פוּן דער רעזאָלוציע, וועלכע בּעווייזט, אַז די גרויסמאַכטען זענען דעצי־דירט מיט אַלע מעגליכע מיטלען זיך געגענ־צושטעלען דאס איינזייטיגע אפּוואַרפען די טראַקטאַטען וואָס קען בּעדראָהען דעם שלום אין אייראָפּע.

סיהאָט אויך גערעדט דער איטאַליענישער דע־לעגאַט בּאַראָן אַלאָיזי, וועלכער האָט ערקלערט, אַז דער ווילען פוּן דער איטאַליענישער רעגירונג ענטפּלעקט זיך נישט בּלויז אין ווערטער, נאָר אין מעשים, אַ דאַנק וואָס דער שלום איז אָפּגעראַ־טעוועט געוואָרען. די איטאַליענישע רעגירונג האָט זיך בּעוואָרענט געגען דער איי־נזייטיגער דעציזיע פוּן דייטשלאַנד און שטעהט צוּ צוּ די דעקלאַראַ־ציעס, וואָס זענען אָפּגעגעבּן געוואָרען דורך פראַנק־רייך און ענגלאַנד. דאַן האָט גערעדט מינ. בּעק.

זשענעווע, 16 (ספּ. טעל.)

נאָך דער דיסקוּסיע האָט דער ראַט בּעשלאָסען איבּערצוּגעבּען דעם קאָמיטעט פוּנ׳ם ראַט דעם אויפטראַג אויסצוּאַרבּייטען די בּעשטימוּנגען, וואָס זאָלען צוּגעבּען דעם פאַקט פוּן די מלוּכוֹת אַ גרע־סערע ווירקזאַמקייט אינ׳ם אָרגאַניזירען די געמיינ־זאמע זיכערקייט און בּעזונדערס צוּ בּעשטימען די ווירטשאַפטליכע און פינאַנציעלע מיטלען אויפ׳ן פאַל, ווען אַ וועלכע עס איז מלוּכה אָדער אַ מיטגליד פוּן דער פעלקער־ליגע וועט בּעדראָהען דעם שלום דורכ׳ן איינזייטיגען אָפּוואַרפען די אינ־טערנאַציאָנאַלע פּערפּליכטוּנגען.

## „גראַף צעפּעליז“ צוּריקגעקוּמען פוּן אַ ווייטע רייזע

פרידריכסהאפען, 16 (ספּ. די לופט־שיף דרום־אמעריקא. אין דער לופט־רייזע האָבּען אָנטייל „גראַף צעפּעלין“ איז היינט פריה צוּריקגעקוּמען פוּן גענומען 21 פּאַסאַזשירען.


בּעקאַנטמאַכוּנג

דער לאָדזער יוּדישער פליישער- און וואוּרשטמאַכער־צעך פאָדערט אויף די פלייש־האַקער. וועלכע בּעזיצען נאָך נישט קיין האַנד־ווערקער־קאַרטען זיך צוּ רעגיסטרירען אין סעקרעטאַריאַט פוּן צעך טעגליך פוּן 6 בּיז 9 אין אָוונט, דען אין אין די נאָהענטסטע צייט וועט מען לויט אַ פאַראָרדנוּנג פוּן דער מאַכט פער־מאַכען די יאַטקעס, וועלכע וועלען בּעפיהרט אָהן האַנדווערקער־קאַרטען.

גלייכצייטיג מאַכען מיר בּקאַנט, דאָס די אַלע פלייש־האַקער, וועלכע זענען בּערעכטיגט זיך צוּ פאַרנעהמען מיט דער פליישער מלאכה און האָבּען נאָך נישט קיין האַנדווערקער־קאַרטען — ווערען אָהן שום שוועריגקייטען אָנגענומען אַלס מיטגלידער פוּן צעך.

די פאַרוואַלטוּנג פוּן פליישער און וואוּרשטמאַכער־צעך

אין לאָדז, פּעטריקאָווער 24.

כּשר לפּסח

גוּטער און געשמאַקער
טעע

איז נוּר פוּן דער וועלט־בּעריהמטער פירמע

ו. וויסאָצקי און קאָמפּ.

פריהער מאָסקווע
איצט לאָנדאָן

הנוסדה ע״י קלונמוס זאב וויסאצקי ז״ל בּשנת 1849

וועלכע איז אנערקענט אַלס די בּעסטע אויף דער וועלט

ספּעציעלע ערפאָלג האָבּען די סאָרטען:

אין אָריגינעלע פּעקלעך בּאַנדראָלירט

№ 74 און № 75

אין אָריגינעלע פערפּלאָמבּירטע בּלעך־שאַכטלען ווי אויך די ספּעציעלע 1/4 קילאָווע פּעקלעך מיט פּרעמיעס

צוּ בּעקומען איבּעראַל!

צוּ בּעקומען איבּעראַל!

כּשר לפּסח — בּהכשר הועד הרבּנים בּוואַרשא. — כּשר לפּסח



ANGLAS

דעם בּעסטען געשמאַק גיבּען
שאָקאָלאַד
און קאַקאַאָ

כּשר לפּסח — בּהכשר הועד הרבּנים בּוואַרשא. — כּשר לפּסח

Skład Konsygnacyjny:
SALOMON SEIDLER, Łódź, Piłsudskiego 32
tel. 221-58 i 132-30

כשר לפסח

## די בעוואוסטע יודישע שאקאלאד-פאבריק

מאכט בעקאנט איהרע ג' קונדשאפט, אז צום געפארשטעהענדן פסח איז זי פערזעהען מיט א רייכן אויסוואהל פון פערשיד.

## „ZŁOTY RAJ“

איינהאבער: ש. האלפערין.

שאקאלאד' קארמעלעז כשר לפסח

אפילו למהדרין מן המהדרין

פערקויף-שטעלען:

פילסודסקיעגא 50

זאוואדזקא 11

שרודמיעסקא 7

בעשערקונג: דאס אלעס ווערט אויסגעארבייט בהכשר גמור אונטער די השגחה פון אנשים כשרים ונאמנים.

כשר לפסח

הורט און דעטייל



Dom Transportowo-Ekspedycyjny

## S. Jelin i I. Rudomin Sp. Akc.

62 Piotrkowska 62
tel. 102-07 i 214-71

ווילטיג פאר עמיגראנטען און טוריסטען!

רעגעלמעסיגער פערקעהר נאך

ארץ-ישראל PALESTYNA

מיט דעם דאמפער „POLONJA“

פינקטליכע צושטעלונג. אויסקונפטע: ווערען יעדען איינציגען ערטיילט.






זונטאג, דעם 21/4, צווייטער טאג חוה"מ, 9 איוענד קומט פאר א

## גרויסער קאנצערט

צום ערשטען מאל אין לאדז, פון יודישען

## סאלא-מענער-קווארטעט רעוועלערסען

מיט אנטייל פון די פענאמענאלע און טאלאנטפולע זינגערין און רעציטאטארקע

## רענע טהאלמא

(צום ערשטען מאל אין לאדז) וועלכע וועט זאויספיהרען א רייהע איינענע קאמפאזיציעס און רעציטאציעס.

אין פראגראם: ערנסטע און לייכטע מוזיק פון בעריהמטע קאמפאזיטארען: ווי ביינעלמאן, דארגוזשאנסקי. זאקס, זעלמאן, זשעלאזא, סנגעל, קירשנער און טהאלמא. טעקסטען: בראדערזאן, פראפוס, זארסקי, בלום, טהאלמא א.א.

ביים קלאוויר און הארמאניע הענריק ביינעלמאן.

בילעטען פון 1 ביז 2 זל. צו בעקומען אין סעקרעטאריאט פון „הזמיר“.



## אלע ווייסען!!!

אז דעם גרעסטען אויסוואהל פון די מאדערנסטע טריקאטאזש-א ויסארבייטונגען

אויך שטרימפ און שקארפעטען ווי אויך פאר קינדער.

און א רייכען אויסוואהל פון די עלעגאנטסטע

## אבערהעמדער און די נייעסטע קראוואטען

אכטונג! מיר בעזיצען א רייכען אויסוואהל פון די עלעגאנטסטע

ספארט-העמדער צו קאנקורענץ-פרייזען

ווי אויך זעמטליכע גאלאנטעריע-ווארען נאר צו בעקומען אין דער פירמע

## Tricot

Łódź Zgierska 4 (przy Nowomiejskiej)

Telefon 191-06

קומט און איבערציינט אייך!



## בעקאנטמאכונג

דערמיט מאכען מיר בעקאנט דער ג. קונדשאפט, אז מיר האבען ערעפנט

## א נייע טוך און קארט-געשעפט א. פ.

## „Hurtownia Bielska“ Sp. z ogr. odp.

אויף פיעטריקאווער 33 טעל. 57-125

און עמפפעהלען צום פריהלינג און זומער-סעזאן א גרויסען אויסוואהל פון די נייעסטע

הערן און דאמען-שטאפען פון די בעסטע בילעצער און טאמאשאווער אויסארבייטונגען

צו גינסטיגע פאבריקס-פרייזען.

סאלידע בעהאנדלונג! — קומט און איבערציינט אייך! — סאלידע בעהאנדלונג!



„שיר“ „שיר“ לאדזער יודישער מוזיק-פעראיין „שיר“

זונטאג, דעם 21-טען אפריל ד. י., 9 30 אוועבד קומט פאר אין לאקאל פון „שיר“ (גארוטאוויטשא 32) אן אימפאזאנטער

## קאנצערט פון „שיר“-כאר

אונטער דער לייטונג פון פראפ. י. פיוווישים.

אין פראגראם. קלאסישע און יודישע מוזיק, אויסגעפיהרט דורכ'ן בעריהמטען „שיר“-כאר און סאליסטען: ס. מראפיוונים (סאפראן), ר. גרינשפאן (אלט) און ה. מארן (טענאר). ביים קלאוויר: ארטור באלזאם.

בילעטען צום פרייז פון 1 זל. און 75 גר. פאר מיטגלידער צו בעקומען אין לאקאל פון „שיר“ (גארוטאוויטשא 32) טעגליך פון 8.30–10 אוו.



## „כרמל“

אין נאמען ראטשילד'ס קעלערען

בנים, רבנים און גוטע יודען זאגען, אז צו ארבע כוסות און קידוש איז דאס בעסטע און פיינסטע נאר - „כרמל“

ענשען — יודים זאגן. אז שוין פון דורות איז צו „כרמל“ קיין גלייכען אין טעם גישט פאראן

ייצט זשע אכט מ'זאל אייך אין טעות נישט אריינפיהרען און פאדערט „כרמל“'ס קאניאקען און ווינען נאר מיט די שוץ-צייכענס

כשר לפסח






דאס בעוואוסטע

## טוך און קארט-געשעפט פון M. TAZBIR

לאדז, פיעטריקאווער 23, טעל. 39-226 פראנט II שטאק

טיילט מיט, אז צום קומענדען פריהלינג-סעזאן בעזיצט איך אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון די נייעסטע און מאדערנסטע

הערען און דאמען-שטאפען

פון די בעסטע בילעצער און טאמאשאווער סחורות

צו די ביליגסטע פרייזען.

ספעציעלער רעשטען וואס מען פערקויפט מיט 30% ביליגער

ניפוואל פון

געדענקט די אדרעס!

רעעלע און סאלידע בעהאנדלונג!



## אטוואצק

קלימאטישע וואלד-סטאציע

7.50 זל. טעגליך

Sanatorjum

## D-ra med. O. PRZYGODY

לונגען-אפטיילונג: ס'ווערען געהיילט לונגען-קראנקע לויט די נייעסטע מעטאדען.

כירורגישע אפטיילונג: ווערען געמאכט: אדמע, איבערברעכונג פון פערוואקסונגען, דורכשניידען פונ'ם נערוו א. ז. וו.

ספעציעלער פאוויליאן: ריטשאלט-פרייזען צוגעפאסט צו דער איצטיגער קריזיס-צייט נאמען ארום: פולע אויסהאלטונג, מעדיצין, אויפזיכט, רענטגען, אנאליזען א"א

כשר'ע קיך! געשמאקע כשר'ע קיך. כשר'ע קיך!

פאר רעקאנוואלעסצענטען זארגפעליגע אויפזיכט.



## יין כשר לפסח

ווער עס וויל ביים פסח-טיש האבען הנאה פון אמת'ן גוטען וויין איז נאר דער בעוואוסטער ווייין און מעהד פון דער פירמע

## „פראגרעס“

וועלכע איז בעקאנט איבעראל מיט איהרע גוטע ווינען און מעהד

וויין און מעהד-פאבריק פירמע „פראגרעס“

אלטער מארק 2, טעל. 184-82

איינהאבער זלמן גושטער.

ספעציעלער וויין פאר צוקערליידענדע.

הורט-פערקויף: נור אין דער פאבריק אלטער מארק 2 אין הויף

איינצעל-פערקויף: „פראגרעס“ אלטער מארק 1, טעל. 184-82.

אין ווייןהאנדלונג פירמע

אין ווייןהאנדלונג פון וועל מאכער, גרינער מארק 6 טעל. 150-78.

בײַ שיינביין, נאוואמיעסקא 27.



דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער שווער-געטראפענער פאמיליע מאשקאוויטש

צוליב'ן טויט פון זייער ליבען פאטער, אונזער לאנגיעהריגען גרינדער און מתפלל פון דער שוהל חברה תנ"ך

## נ"ע יעקב מאשקאוויטש

זייט געטרייסט מיט די טראדיציאנעלע ווערטער: המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די גבאים און מתפללים פון דער „חברה תנ"ך“ מווילקא

פון דעם 21-טען אפריל 1935 ז. ה. פון זונטאג, הויבען זיך אן די גאַסטשפילען

# Lu Wilczyńska

ווי אויך די רייצענדע וואדעוויליסטקע

# EDWARD REJ

פון בעקאַנטן הומאריסט

הומאר! געזאַנג! סאטירען גראטעסקן! ארקעסטער אונטער דער ליימונג פון ה׳ בייגעלמאַן. בעת די פויזעס אַ געזעלשאפטליכער דאַנסינג. אָנהייב פון דאַנסינג 9 אַ זייגער אָווענד. אײַנטריט פריי. דער לאָקאַל איז אָפען ביז 2 א זייגער ביינאַכט

# Café „IDEAL"

48 פּיעטריקאווער 48

טעל. 162-11

---

FABRYKA TEKTURY SMOŁOWCOWEJ

# Bronisław Golde i S-ka

**Łódź, ul. Składowa 33, tel. 110-59**

poleca w związku z nadchodzącym sezonem:

**tekturę smołowcową i bitumiczną, smołę, lepnik, karbolineum i t. p.**

Jako przedstawiciele:

**I. Zjednoczonych Fabryk Portland-Cementu**

# FIRLEY Sp. Akc.

dostarczamy cement **„Górka", tegorocznej produkcji** ze składu i wagonowo.

**II. Zakładów Przemysłowych ETERNIT Sp. Akc.**

polecamy

**dachówkę azbestowo-cementową gładką i falistą.**

---

# אויף פסח

עמפפעהלט

# ווייז

ווי אויך **אלערליי געטרענקע**

אין דער בעסטער קוואַליטעט

**צו זעהר ביליגע פרייזען**

די זייט **70** יאהר עקז.

**וויינהאנדלונג**

# ע. שיקער

פון

אינה. : ישראל שיקער

**לאדז, פולנאצנא 1, טעל. 107-84.**

---

# קרן קימת לישראל בלודז.

אין די ערשטע טעג פסח בעת׳ן דאַווענען וועלען געהאַלטען ווערען רעדעס וועגען

## „גאולת ובנין הארץ"

אין פאָלגענדע שוהלען:

**דעם ערשטען טאג פסח:**

אין ביה״כ „אהל-יעקב" – הרב המטיף א. לובאשיצקי
„ „ דוואליין – ה׳ ק. לעווענסאָן
„ „ פון ח׳ ש״ס – הרב י. גוטקאַווסקי
„ „ ע״ש ביילין (פיעטריק. 25) – דיר. מ. מארעק
„ „ „שערי-ציון" (זשגאַווסקא 7) – מ. קארא
„ „ ע״ש דישקין (פיעטריק. 8) – ליכטענבערג

**דעם צווייטען טאג פסח:**

אין ביה״כ דווילקא – – – – משה לימאן
„ „ „סיני" (גלובנאַ 62) – דיר. מ. מארעק
„ „ פון די פליישער (פיעטריק 24) – ליכטענבערג

**יודען! בעת די עליות לתורה זייט מנדר לטובת דעם קרן קימת לישראל.**

---

# לעבער

ווערען אויפגענומען

בײַ ג. נארדמאן

שרודמיעסקא 8.

---

**M O N A D A**

פירמע

עמפעהלט

# קאווע

# טעה

**אויף**

# פסח

**„MONADA"**

**פיעטריקאווער 44,**

**פזשעיאזד 2.**

---

# כשר — איבערראשענדע נייעס!! — היגיעניש

**דער גוט-בעקאנטער**

# פענסיאנאט „RAJ"

**אויף ווישביאָרא-גורא אין זייבערטס שענסטן פאלאַץ**

**איז שוין מעטינג אין נעהמט שוין אן געסט אויף פסח.**

מיר עמפפעהלען די ג׳ געסט: טרוקענע, זוניגע צימערן

מיט אלע בעקוועהמליכקייטען. — די קיך געפינט זיך

אונטער דער ליטונג פון רוטינירטע קרעפטן.

**קאנקורענץ-פרייזען! סאלידע בעדינונג!**

אינפארמאַציעס ווערען ערטיילט אויפ׳ן ארט.

---

פון 1-טען אפריל 1935

## ביליגע טוריסטישע אויספלוגן קייך ז.ס.ר.ר.

דורך די פארשטעהערשאַפטען פון **„INTURISTA"**

איינשרייבונגען און גענויע אינפאָרמאַציעס דורך אלע אַפטיילונגען פון דער

פוילישער רייזע-ביורא **„Orbis"** Sp. z ogr. odp.

**Wagons-Lits-Cook**

**Union Lloyd, Warszawa,**

**Chmielna 44.**

---

# Przegląd Palestyński

Nr. 1 — אזוי הייסט די נייע — Nr. 1

## אילוסטרירטע וואכן-צייטונג

אין דער פוילישער שפראך, געווידמעט דעם זיך בויענדן ארץ-ישראל.

אריגינעלע קאָרעספּאָנדענצען, אַרטיקלען

און רעפּאָרטאַזשען פון באַקאַנטע

פאַכמענער-זשורנאַליסטן און ליטעראַטן

**ערשטע אויפנאהמען פון דער מכביאדע**

צו בעקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער

---

# אכטונג, דאמען!

אין מיין ניי-ערעפענטן קליידער-אַטעליער אויף בזשעזשינער 11

פראנט, 1 שטאק

בעקומט מען צו יעדערצייט פערש.

**באלאווע- און חופה-קליידער**

קאָנקורענץ-פרייזען! סאָלידע בעהאנדלונג!

**Wypożyczalnia sukień balowych i ślubnych**

# M. Józefowiczowa

**Brzezińska 11,**

front 1 piętro, m. 5.

---

Dr. med.

# Z. DATYNER

אוראלאג

ספעצ. פאר נירען, בלאז און אורין-קראנק.

**ZACHODNIA 59a, tel. 148-95**

נעהמט אן פון 2–3 און פון 6–8 אוו

---

# דאס בעקאנטע טוך- און קארט-געשעפט פון

# A. I. WINKLER

**לאדז, נאוואמיעסקא 4, טעל. 262-83**

פראנט, 1-טער שטאק

עמפפעהלט צום איצטיגען פריהלינג- און זומער-סעזאן

דעם גרעסטען אויסוואַהל פון די

**בייעסטע הערען און דאמען-מאנטעל-שטאפען**

פון די נייעסטע פארבען און מוסטערן פון די בעסטע

**ביליצער. טאמאשאווער און אנד. סחורות.**

דעטייל-פערקויף ●●● קאנקורענץ-פרייזען ●●● רעעלע בעהאנדלונג

●●● געדענקט דעם אדרעס ●●● קומט און איבערציינגט אייך ●●●

---

# פאר גאלד,

## בריליאנטן

אין לאמבארד-קוויטען

צאהלט די העכסטע פרייזען

**איזידאר פיאלקא**

פיעטריקאווער 7.

---

**גאנץ לאדז האט זיך שוין איבערצייגט**

אז די בעסטע, שענסטע, עלעגאנטסטע און ביליגסטע



# שיך

בעקומט מען נאר אין דער לאנגיעהריגער בעוואוסטער פירמע

# פ. קירשטיין

**לאדז, 8 פאמארסקא 8**

איך בעזיץ צום איצטיגען **פריהלינג-** און **זומער-סעזאן**

א גרויסען אויסוואהל פון **מענער-, דאמען-** און **קינדער-**

# שיך

מיט אכטונג

**פ. קירשטיין**

לאדז, פאמארסקא 8.

איינענע אויסארבייטונג ! רעעלע בעהאנדלונג !

# פּיניעלע מזיק
## גיט לישון



כאווירים. יאטן. צאָט שוין כאדזשביג בּוידיק פּומיץ גיוועין? איך עב ענק זוגן, אַז באַ אינז אין באליט, אָט מען אַפּיליק ניש גידאַריפּט בּוידיק פּומיץ צו זאַן. צ׳ווייסט פאַרוואָס? וואַל באַ אינז. אין באליט טיט מען בּוידיק כומיץ זאן א גאנץ יוער. באַ אינץ מאכט זיך, אַז אַפּיליק סיקיס אָדער סימכיס טוירעס, גיפינט זיך אָכעט ניש קאַ קרישילע פּומיץ אין שטיב.

בּוידיק כומיץ זאַן דארפּן די ווילקער שמאלץ־צאכער. זיי אַכלין א גאנץ יוער וואָסע כאליס אין ד׳ער וואָכענס, האָניג־לעיקך אין דראנזשדזשאווע פּשאָסטעס אין אַ פראסטן מיטוואָך. אין אַ פראסטן שאָביס האקן זיי גיפילטע פיש, געגדזינע פילקעס מיט קאניפאט — זיי דאַרפן אָף פייסיך בּוידיק כומיץ זאַן, אָבער באַ אינץ אין באליט — ניש נייטיג!

יעץ וויל איך ענק, יאַטן, זוגן אַ פוער ווער־טער, העיערץ!

האנט אין די עירשטע סיידער־נאַכט. זאלט עץ ענק אופוואַשן מיט שמעק־זייף. די שיך זאָלט עץ אונפיצן מיט א גלאנץ. צ׳זאָלט מיטגיין מיט די טאטיס אין בעשמעדריש אַראַן. באַן כיירער זאָלט עץ ניש מאכן ענקערע שובראנע שטיק. צ׳זאָלט עסן מורער, צ׳זאָלט ענק ניש זשאליוועץ קאַ גרינס פין פיעטרישקע. טאמער עט ניש זאן קאַן אייער, זאָלט עץ זיפן זאַלץ־וואַסער. טאָמער עט נישט זאַן קאַ מאַצע, זאָלט עץ עסן גיטאפּעל אין מונדיר, קאשיס דארפט עץ ניש פרעגן, וואַל אינדזערע באַ־ליטער טאטיס אָבן נעביך ניש וואָס צו ענטפערן, זיי אַליין פרעגן אָכעט קאַשיס די קילע, די ווילקער פאַרביקאנטן, וואָס געבן די באליטער וועיבער׳ס ניש קאַ אַרבייט. די טאטיס פרעיגן אַליינט קאַשיס אין קיינער וויל נישט ענטפערן.

דעוואַל אַצץ מיר א גיטן פייסיך אין זאצץ מיר גיזינט!

## צווישען אַלטע בחורים

— דו האַלסט טאַקע, אז מ׳קאָן זיך פערליבען אין אנ׳אַלמנה?

— יאָ, ס׳וועגדט זיך נאָר, וואָס פאַר א ירושה איהר פערשטארבענער מאַן האָט איהר איבערגעלאָזט.

# קנײדלעך
### פון גראַף קאַלי

קנײדלעך זיסע, קנײדלעך פעטע
מיט אטעם נאר א נעשמאקען
וואו א פאָלק און א מלוכה
האַלטען איצטער אין אײן באַקען...

דאָרט אין שטרעזא זעהט מען זיצען
פון דער גרויסער וועלט די פּני
און זיי ארבייטען און שוויצען
א רחמנות איז אויף זיי....

זיצט דער דוטשער מוסאָליני
מאַקדאָנאַלד און פלאַנדען אויך
קנעטען אין דעם שלום־קנײדעל
ארבייטען, אז ס׳געהט א רויך...

וועט דערפון אויך זײן צו עסען?...
יאָ, רבותי, לאָמיר האָפען!

גרויסע וואונדער, גרויסע נסים,
האָט שוין אויף דער וועלט געטראָפען...

פון דעם לאַנד פון היטלעריזם
הערט מען ווי עס גרילצט און שיט
קנײדלעך מאכט מען דאָרט פון טשוועקעס
אָנגעפּיהלט מיט דינאַמיט....

קנײדלעך באַקט אין פּאַלעסטינע
אונז דאָרט ענגלאַנד מיט איהר קראַפט
וויל מען אָבער זיי פערזוכען
פיהלט מען נאָר אטעם פון נאַפט...

אין דעם לאַנד פון די סאָוויעטען
זיצט מען אויך נישט לעדיג.... ניין!
ס׳ווערט געאַרבייט אויף דריי „זמיאַנעס"
יונג און אַלט און גרויס און קלײן....

# א זמר׳ל
## צו זינגען נאָך די ארבע כוסות

לכבוד פסח
האָט מען געטון דוימען און שייערען
און ברענען און פייערען
אַלטע מאַטראַצען
פון וועלכע מיר האָבען
געהאַט זיך צו קראַצען.

און ווען ס׳קומט דער סדר
(אָ, ראַבע איז זיס!)
מען טיילט מכּות
מען גיט סטוסאַקעס
די הײדאַמאַקעס
די פּאַסקודניאַקעס;
מען טרעט מיט די פיס
די יודישע שונאים
פרעה׳ס יונים;

מען גיט זיי דם,
און כּנים און דבר
מען מאכט זיי א קבר
אין קאַלטען ים,
מיר ניבען זיי אָפּ
א ביס פאַר א ביס
א ריס פאַר א ריס
בראַוואָ, ביס!

יאָ, מיר ווערען
העלדען גרויסע
ווען מיר טרינקען אויס
א כּוסה.
וואונדער ווייזען מיר,
אָ, ברידען,
אָבער נאָר אין מחזור
און אין סידור...

* * *

נאָכ׳ן סדר
ווערט דער קאָפּ קלאָרער,
עס בלייבט בלויז איבער
דער טעם פון מרור.

# פייטעל און טרייטעל



פייטעל: נו, ר׳ טרייטעל, האָט איהר הײַנ[illegible] מבער חמץ געווען?

טרייטעל: ניין.

פייטעל: פאַרוואָס?

טרייטעל: מ׳טאָר נישט א[illegible] רייניגען פאַר׳ן רײנעם.

# שמחה פלאַכטע



## זאָגט:

דער שטייער־סיסטעם אונזערער איז געגליכען צום בעטעל פון סדום, וואָס יעדער גאַסט האָט זיך געמוזט צופּאַסען לויט דער מאָס:

איז איינער געווען צו גרויס, האָט מען איהם אָפּ־געהאַקט די פיס, איז איינער ווידער געווען צו קליין, האָט מען איהם אַזוי לאַנג געצויגען, ביז ער האָט בעקומען די לענג פון בעטעל, אַזוי איז מיט אונ־זערע שטייערן:

פערמאָגט עמיצער עפּעס, שנײדט מען איהם אָרום, אַז איינער א קבצן, שאַצט מען איהם פאַר א נגיד און מען ציהט וויפיל מען קען.

רעלעס.

# דער קונדס

הומאָר •

סאַטירע •

• צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק •

בײלאַגע צום „נײעם פאָלקסבלאַט" נומער 92
מיטוואָך, דעם 17 אַפּריל 1935

## לכבוד פסח

# איהם איז וואויל



דער סעקוועסטראַטאָר האָט שוין לאַנג בײַ איהם בודק חמץ געווען

